# האס אדער דיסקרימינאציע אויפ'ן גרונט פון ראסע, נאציאנאלן אפשטאם, אדער אנדערע אייגנשאפטן איז מען נישט סובל אין ניו יארק סיטי.

## אויב מען האט פיזיש געטשעפעט אדער באפאלן אייך אדער עמיצן איר קענט צוליב אייער אידענטיטעט – אריינגערעכנט אייער ראסע, עטנישקייט אדער רעליגיע – ביטע רופט 911.

NYPD אפיצירן וועלן נישט פרעגן איבער דעם אימיגראציע סטאטוס פון קיינעם וואס זוכט הילף, און שפראך הילף איז אויך דא צו באקומען. אפיצירן קענען אויך העלפן פארבינדן מענטשן מיט וויקטים סופארט סערוויסעס וואס זענען עוועילעבל פאר זיי.

איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט א Crime Victim Advocate זיי זאלן אייך העלפן זיך אן עצה געבן מיט די עמאציאנאלע, פיזישע און פינאנציעלע פאלגן פון א פארברעכן, און באטראכטן אנדערע ברירות. רופט די All Crimes Hotline אויף (4357) 1-866-689-HELP TDD: 866-604-5350.

## אויב א געשעפט, ארבעטסגעבער אדער לענדלארד האט געטשעפעט אדער דיסקרימינירט קעגן אייך אדער עמיצן איר קענט צוליב אייער אידענטיטעט – ביטע רופט 311 און זאגט "human rights".

איר זענט באשיצט קעגן דיסקרימינאציע אין האוזינג, אויף דער ארבעט, אדער אין עפענטליכע פלעצער אויפ'ן גרונט פון אייער ראסע, נאציאנאלן אפשטאם, עלטער, אימיגראציע סטאטוס, דיסאביליטי, אדער אנדערע באשיצטע קלאסן אונטער דעם NYC מענטשליכע רעכטן געזעץ. די ניו יארק סיטי קאמיסיע איבער מענטשליכע רעכטן איז פאראנטווארטליך זיכער צו מאכן אז דער געזעץ זאל נישט פארלעצט ווערן. די וואס פארלעצן דעם געזעץ וועלן מעגליך דארפן באצאלן שטראפן און/אדער קאמפענסאציע פאר קרבנות.

## דארפט איר אימיגראציע הילף?

אלע ניו יארקערס, אפגעזען פון אימיגראציע סטאטוס, קענען רופן די ActionNYC האטליין פאר אומזיסטע, זיכערע געזעצליכע הילף איבער אימיגראציע. רופט די **ActionNYC** האטליין אויף **1-800-354-0365**, אדער רופט **311** און זאגט **"ActionNYC"**.

## זוכט איר מענטאל העלט חיזוק?

NYC Well איז אויך דא אייך מחזיק צו זיין מיט אייערע מענטאל העלט געברויכן. טרענירטע קאונסעלארס קענען צושטעלן קאנפידענציעלע חיזוק 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, אין מער ווי 200 שפראכן. רופט **888-NYC-WELL**, טעקסט **"WELL"** צו **65173**, אדער שמועסט אנליין אויף **nyc.gov/nycwell**.

Commission on Human Rights | Mayor's Office of Immigrant Affairs | Office for the Prevention of Hate Crimes | NYC Eric Adams מייאָר

Yiddish